ראַבינדראַנאַט טאַגאר

שפּעטזומער

פון ענגליש

ה. ד. נאָמבערג

פאַרלאַג קולטור-ליגע / וואַרשע

245

איבערדרוקן פֿאַרבאָטן / געדרוקט אין צוויי טויזנט
עקז. / וואַרשע, תּרפּ"ב / געזעצט ביי פֿאַרביאַזש
לעשנאָ 37 / געדרוקט ביי י. הענדלער, דלוגע 26.

Rab. Tagor—Szpet-Zumer / Tłom. H. D.
Nomberg / Wyd. Kultur-Lige, 1922
Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

א

באַפעל, און איך וועל צוזאַמענקלייבן מיינע פּרוכטן צו ברענגען זיי פולע קוישן אין דיין הויף, כאָטש אַ טייל פון זיי איז פאַרדאָרבן און אַ טייל איז ניט צייטיק גאָך.

ווייל שווער באַלאָדן מיט פיל שפע איז איצט די צייט, און אין שאָטן קלינגט טרויעריק דעם פאַסטוכס פייפל.

באַפעל, און איך וועל מיין שיפל לאָזן איבערן טייך. דער ניסן-ווינט איז אַ טריבער און ער צערודערט די מידע כוואַליעס מיט אַ געמורמל.

דער גאָרטן האָט אַלצדינק פון זיך אַוועקגעגעבן, און אין דער מידער שעה פון אָוונט קומט דער רוף פון דיין הויז ביים ברעג אין זון-אונטערגאַנג.

ב

יוגנט-צייט איז מיין לעבן געגליכן געווען צו אַ בלום — אַ בלום, וואָס פאַרלירט אַ בלאַט צי צוויי פון איר רייכקייט און פילט קיינמאָל נישט דעם פאַרלוסט, ווען דער פרילינג-ווינט קומט בעטלען ביי איר טיר.

איצט, ביים סוף פון דער יוגנט, איז מיין לעבן געגליכן צו אַ פרוכט, וואָס האָט גאָרנישט מער אָפּצושפּאָרן, און וואַרט נאָר זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן מיט דער פולער משא פון איר זיסקייט

ג

צי נאָר פֿאַר די פרישע שפּראָצונגען איז דעם זומערס יום־טוב און נישט אויך פֿאַר בלעטער פאַרוועלקטע און בלומען פֿאַר־טריקנטע ?

און דאָס ליד פול האַרמאָניע פון ים, צי איז עס נאָר ביי די כוואַליעס, וואָס שטייגן ?

צי זינגט עס נישט אויך אין די כוואַליעס, וואָס פאַלן ?

דימענטן זיינען אויסגעזעצט אין דעם דיוואַן, ווו מיין קעניג שטייט, אָבער געדולדיק וואַרטן שטיקער ערד אָנגערירט צו ווערן פון זיינע פיס.

קליין איז די צאָל פון די קלוגע און גרויסע, וואָס זיצן ביי מיין האַר, ער אָבער האָט דעם נאַרישן גענומען אין זיינע אָרעמס, און האָט מיך געמאַכט פאַר זיין דינער אויף אייביק.

ד

איך האָב אויפגעוואַכט און האָב געפונען זיין בריוו מיטן פרימאָרגן. איך ווייס נישט, וואָז אין אים שטייט געשריבן, ווייל איך קאָן נישט לייענען.

איך וועל לאָזן צורו דעם געלערנטן מאַן מיט ויינע ביכער. איך וועל אים נישט שטערן, ווייל ווער ווייסט, צי ער קאָן לייענען, וואָס דער בריוו זאָגט.

לאָזט מיך אים האַלטן ביי מיין שטערן און צודריקן צו מיין האַרץ.

ווען די נאַכט קומט אָן מיט שטילקייט און די שטערן באַווייזן זיך איינער נאָכן צווייטן, וועל איך אים אויסשפרייטן אויף מיין שויס, און שטיל וועל איך בלייבן.

די בלעטער, וואָס מורמלען, וועלן אים לייענען הויך פאַר מיר, דער רוישיקער טייך וועט אים אויסדערציילן, און די זיבן קלוגע שטערן וועלן אים פון הימל אַראָפּזינגען פאַר מיר.

איך קאָן נישט געפינען, וואָס איך זוך, איך קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס איך וויל לערנען, אָבער דער נישט געלייענטער בריוו האָט גרינגער געמאַכט די לאַסטן פון מיר, און פון מיינע געדאַנקען האָט ער לידער געמאַכט.

ה

איין האַנט שטויב האָט געקאָנט פאַרשטעלן דיין צייכן, ווען איך האָב זיין מיין נישט פאַרשטאַנען.

איצט, אַז איך בין קליגער, לייען איך אים אין אַלצדינק, וואָס ס׳האָט אים פריער פאַרשטעלט.

אויסגעמאָלט איז ער אין די בלעטלעך פון די בלומען: פון שוים פון די כוואליעס בליצט ער אַרויס: בערגער טראָגן אים הויך אויף זייערע שפּיצן.

איך האָב מיין פּנים אָפּגעקערט פון דיר, דעריבער האָב איך די אותיות געלייענט פאַרקערט און האָב נישט פאַרשטאנען זייער מיין.

ו

ווּ וועגן זיינען אויסגעלייגט, דאָרט פאַרליר איך מיין וועג.

אויפן ווייטן וואַסער, אין בלויען הימל איז נישטאָ קיין וועג און קיין טראַקט.

דער שטעג איז באַהאַלטן דורך די פליגל פון די פייגל, דורך די שטערן-פייערלעך, דורך די בלומען פון די וואנדערנדיקע צייטן פון יאָר.

און איך פרעג מיין האַרץ, צי זיין בלוט טראָגט די קלוג-שאַפט פון דעם נישט-געזעענעם וועג.

ז

וויי, מיר, איך קאָן נישט זיצן אין שטוב, און די היים איז מיר אויס היים געוואָרן, ווייל דער אייביקער פרעמדער רופט, ער קומט פון וועג צוגיין.

דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט קלאַפּט אָן מיין ברוסט: עס טוט מיר וויי.

דער ווינט האָט דערוואַכט, דער ים ברומט.

איך פאַרלאָז אַלע מיינע זאָרג און ספקות, כדי נאָכצוגיין די היימלאָזע כוואַליעס, ווען זיי פאַלן־אָפּ פון ברעג, ווייל דער פרעמדער רופט מיך, ער קומט פון וועג צוגיין.

ח

זיי גרייט, מיין האַרץ, זיך צו לאָזן אין וועג אַריין! זאָלן בלייבן די, וואָס מוזן.

ווייל דיין נאָמען איז אויסגערופן געוואָרן אין דעם פרימאָרגן־הימל.

נישט וואַרט אויף קיינעם!

עס לעכצט די שפּראָצונג צו נאַכט און טוי, אָבער די צעבליטע בלום שרייט און רופט צו דער פרייהייט פון דער ליכטיקייט.

רייס אויף דיין שאָל, מיין האַרץ, און קום אַרויס!

ט

ווען איך האָב געוויילט צווישן מיינע אָנגעזאַמלטע אוצרות, האָב איך זיך געפילט אַזוי ווי אַ וואָרעם, וואָס דערנערט זיך אין דער טונקלקייט אין דער פרוכט, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן.

איך פאַרלאָז די תּפיסה פון צעפאַלעניש.

מיך אַרט נישט צו וואַנדלען אין אַ זומפּיקן שווייגן, ווייל איך גיי זוכן די אייביקע דויערנדיקע יונגקייט. איך וואַרף אַוועק אַלצדינק, וואָס איז נישט איינס מיט מיין לעבן, אָדער וואָס איז נישט אַזוי גרינג ווי מיין געלעכטער.

איך לויף דורך דער צייט, און — אָ, מיין האַרץ! — אין דיין רידוואַן טאַנצט דער, וואָס זינגט ווען ער וואַנדערט.

י

דו האָסט מיך גענומען פאַר דער האַנט און מיך צוגעצויגן צו דיין זייט, און אַ פלאַץ האָסטו מיר געגעבן הויך, אויבן־אָן. פאַר אַלע מענטשן בין איך אַ שרעקעדיקר געוואָרן, נישט געקאָנט זיך רירן, נישט געקאָנט גיין מיין אייגענעם וועג: ביי יעדן טריט האָב איך געדאגהט און באַרעכנט צי וועל איך נישט אָנטרעטן אויף א דאָרן פון זייער שנאה.

ענדלעך בין איך פריי!

דער קלאַפ איז געקומען, עס האָט געשאַלט דער האָרן פון זידלעריי, מיין פלאַץ איז איצט נידעריק אין ש׳ן ויב.

מיינע וועגן זיינען אָפן פאַר מיר.

מיינע פליגל זיינען פול מיט באַגער צום הימל.

איך גיי זיך באַהעפטן צו די אויפבליצנדיקע שט ־ן פו האַלבער נאַכט, און מיך ווארפן אין די טיפסטע שאָטנס.

איך בין געגליכן צו אַ וואָלקן, געטריבן פון שטורם, אין זומער, וואָס האָט אַראָפגעוואָרפן פון זיך די קרוין פון גאָלד, און הענגט אַרויס, ווי אַ שווערד, די ריט פ׳ן דונער אויף אַ קייט פון בליצן.

מיט דער פרייד פון יאוש לויף איך איבער דעם שטויביקן וועג פון די פאַרשעמטע: איך קום נעענטער צו דיין לעצטן ברוך־הבא.

דאָס קינד געפינט זיין מוטער, ווען עס פאַרלאָזט איר שויס.

ווען איך בין אָפגעשיידט פון דיר, פאַרטריבן פון דיין הויז, בין איך פריי צו זען דיין פנים.

יא

זי צירט מיך נאָר צו שאַנד און שפּאָט, די דאָזיקע בריליאַנ־טענע קייט מיינע.

זי דריקט מיך, ווען זי איז אויף מיין נאַקן, זי פרעסט מיך, ווען איך רייס זיך זי אַראָפּצושליידערן.

זי ווערגט מיין האַלז, זי דערשטיקט מיין געזאַנג.

וואָלט איך זי געקאָנט צוטראָגן צו דיין האַנט, מיין האַר, וואָלט איך געווען געראַטעוועט.

נעם זי צו פון מיר, און דערפאַר בינד מיך צו צו דיר מיט אַ קראַנץ, ווייל איך בין פאַרשעמט צו שטיין פאַר דיר מיט דער בריליאַנטענער קייט אויף מיין האַלז.

ווייט אונטן איז די דשומנאַ געפּלאָסן, אייליק און קלאָר. העכער דאָרט האָט פינסטער געקוקט אן אַרויסגעשטאַרטער פעלזיקר ברעג.

בערגלעך, טונקל פון וועלדלעך און דורכגעריסן פון שטראָמען, האָבן זיך געטוליעט אַרום.

גאַווינדאַ, דער גרויסער לערער פון שבט סיקאַ, איז געזעסן אויף אַ שטיין און געלייענט די הייליקע ביכער, ווען ראַגהונאַטה, זיין תּלמיד, שטאָלץ מיט זיין רייכקייט, איז אָנגעקומען, האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט: „איך האָב געבראַכט מיין אָרעם געשאַנק, וואָס איז נישט ווערט דו זאָלסט עס אָננעמען“.

אַזוי האָט ער געזאָגט און האָט אַנידערגעלייגט פאַר דעם לערער אַ פּאָר גאָלדענע אָרעם-רינגען, אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער.

דער רבי האָט גענומען איינעם פון די רינגען, האָט אים געדרייט ארום זיין פינגער, און די דימענטן האָבן געוואָרפן סנאָ-פּעס פון ליכט.

פּלוצלינג האָט עס זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט און האָט זיך געקייקלט פעלז-אַראָפּ אין וואַסער אַריין.

„אוי וויי!“ האָט ראַגהונאטה אויסגעשריען און האָט זיך גע-וואָרפן אין טייך אַריין.

דער לערער האָט זיינע אויגן צוריקגעקערט צום בוך, און דאָס וואַסער האָט פאַרבאַהאַלטן, וואָס ס'האָט אַוועקגענומען, און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען, ווען ראַגהונאַטה איז צוריק-געקומען צום לערער מיד און דורכגעווייקט.

ער האָט געהעשלט און געזאָגט: „איך קאָן עס נאָך איצט אַרויסקריגן, אויב דו וועסט מיר ווייזן, וווּ עס איז געפאַלן".

דער לערער האָט אויפגעהויבן דעם צווייטן רינג און, וואַרפנדיק אים אין וואַסער אַריין, האָט ער געזאָגט: „אָט דאָ איז ער".

י"ג

זיך באַוועגן, דאָס הייסט דיך באַגעגענען יעדן מאָמענט, חבר־וואַנדערער!

דאָס הייסט צווינגען צום טראָט פון דיינע פיס.

ער, וואָס אים באַרירט דיין אָטעם, זוכט נישט קיין באַהעלטעניש ביים ברעג.

ער שפּרייט אויס אַ פריי־פויגלדיקן זעגל קעגן ווינט און רייט איבער דעם צעבושעוועטן ים.

ער, וואָס פּראַלט אויף זיינע טירן און טרעט אַרויס, נעמט אָן דיין גרוס.

ער בלייבט נישט שטיין צו ציילן זיין פאַרדינסט, אָדער צו באַוויינען זיין פאַרלוסט: זיין האַרץ איז די פויק, וואָס קלאַפּט ביי זיין מאַרש, אַט דאָס הייסט מיטגיין מיט דיר יעדן טריט,

חבר—וואַנדערער!

יד

מיין טייל פון דעם בעסטן אויף **דער** וועלט וועט קומען
פון דיינע הענט: אַזוי איז געווען דיין צוזאָג.

דעריבער פינקלט דיין ליכט אין מיינע טרערן.

איך שרעק זיך געפירט צו ווערן פון אַנדערע: איך קאָן
פארלירן דיך, וואָס דו וואַרטסט ערגעץ אין אַ ווינקל וועג, כדי
מיין פירער צו זיין.

איך גיי מיר מיין קאַפריזן־וועג, ביז מיין נאַרישקייט אַליין
וועט דיך צופירן צו מיין טיר.

ווייל איך האָב דעם צוזאָג, אַז מיין טייל פון דעם בעסטן
אויף **דער** וועלט וועט קומען פון דיינע הענט.

טו

דיין שפּראַך איז פראָסט, מיין לערער, אָבער נישט זייער שפּראַך, פון די, וואָס רעדן וועגן דיר.

איך פאַרשטיי די שטים פון דיינע שטערן און דאָס שטיל־שווייגן פון דיינעביימער.

איך ווייס, אַז מיין האַרץ וויל זיך עפענען אַזוי ווי אַ בלום; אַז מיין לעבן האָט זיך אַליין אָנגעטרענקט ביי אַ באַהאַלטענעם ברונען.

דיינע לידער זיינען געגליכן צו די פייגל פון דעם איינזאַמען לאַנד פון שניי, זיי שפּרייטן אויס די פליגל צו בויען זייערע נעסטן אין מיין האַרץ, אַנטקעגן דער וואַרעמקייט פון דיין אַפּריל, און איך בין צופרידן צו וואַרטן אויף דער פרייילעכער צייט פון יאָר.

טז

זיי האָבן געוווּסט דעם וועג און זיינען געגאַנגען דיך זוכן דורך דעם שמאָלן שטעג, איך אָבער האָב אַראָפּגעוואַנדערט פון וועג אין דער נאַכט אַריין, ווייל איך בין געווען אָן וויסן.

איך בין נישט געווען גענוג געלערנט אום צו שרעקן זיך פאַר דיר אין דער טונקלקייט, דעריבער האָב איך דערלאַנגט צו דיין שוועל, נישט וויסנדיק דערפון.

די געלערנטע האָבן מיך געזידלט און האָבן מיך געהייסן גיין אַוועק, ווייל איך בין נישט געקומען מיטן שטעג.

איך האָב מיך אַוועקגעקערט אין ספקות, אָבער דו האָסט מיך באַלד צוגעהאַלטן, און זייער זידלען איז געוואָרן הילכיקער מיט יעדן טאָג.

יז

איך האָב אַרויסגעבּרענגט מיין ערדענע לאָמפּ פון מיין הויז און האָב אויסגעשריען: „קומט, קינדער, איך וויל צולייכטן אייער וועג!“

די נאַכט איז אַלץ געווען פינסטער, ווען איך האָב צוריקגעקערט, איבערלאָזנדיק דעם וועג פאַר דער שטילקייט, און האָב געשריען: „לייכט מיר, אָ פייער, ווייל מיין ערדענע לאָמפּ ליגט צעבּראָכן, אין שטויב!“

יח

ניין: דאָס איז נישט פאַר אייך — די קנאָספן צו עפענען אויף בליעכץ.

טרייסלט דעם קנאָספּ, האַקט אים; ס'איז ניט אייער כח צו מאַכן אים בליען.

אייער אָנריר באַשמוצט אים; איר צעפליקט זיינע בלעטער אויף שטיקלעך און וואַרפט זיי אין שטויב.

אָבער קיין שום פאַרבן קומען נישט אַרויס, און קיין ריח נישט.

אָ! דאָס איז נישט פאַר אייך — די קנאָספן צו עפענען אויף בליעכץ.

ער, וואָס קאָן עפענען דעם קנאָספּ, טוט דאָס אַזוי פשוט.

ער שיקט אים אַ בליק, און דער לעבנזאַפט פליסט שוין אין זיינע אָדערן.

פון הויך פון דיין אָטעם שפרייט די בלום אויס אירע פליגל און פלאַטערט אין דער לופט.

קאָלירן שפּראָצן אויס, געגליכן צו באַגערן פון אַ האַרץ, און דער ריח דערציילט אַ זיסן סוד.

ער, וואָס ער קאָן עפענען דעם קנאָספּ, טוט דאָס אַזוי פשוט.

סוזאס דער גערטנער האָט אויסגעריסן פון זיין ציסטרינגע די לעצטע לאָטוס, וואָס דער וויכטער ווינטער האָט איבערגעלאָזט, און איז געגאַנגען צום טויער פון כּאַלאַץ זי צו פאַרקויפן צום קעניג.

דאָ האָט ער געטראָפן אַ וואַנדערער, וואָס האָט צו אים גע־זאָגט: „זאָג דיין פרייז פאַר דער לעצטער לאָטוס — איך וויל זי שענקען אונזער האַר בודאַ".

סוזאַס האָט געזאָגט: „אַז דו וועסט באַצאָלן אַ גאָלדענע מ אַ ש אַ וועט זי זיין דיין".

דער וואַנדערער האָט געוואָלט באַצאָלן.

אין דעם מאָמענט איז דער קעניג אַרויסגעקומען און האָט געזאָלט קויפן די בלום, ווייל ער האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין צו זען דעם האַר בודאַ, און ער האָט געטראַכט: „דאָס וועט זיין אַ פיינע זאַך צו לייגן פאַר זיינע פיס די לאָטוס, וואָס בליט אין ווינטער!"

ווען דער גערטנער האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים אָנגע־באָטן אַ גאָלדענע מ אַ ש אַ, האָט דער קעניג געבאָטן צען, אָבער דער וואַנדערער האָט געבאָטן צוויי מאָל אַזוי פיל.

דער גערטנער, וואָס איז געווען אַ גיריקער, האָט זיך גע־טראַכט, ער וועט באַקומען נאָך אַ גרעסערן פרייז פון דעם, וואָס ביידע האָבן אָנגעבאָטן. ער האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט: „איך קאָן נישט פאַרקויפן די לאָטוס".

אין דעם שטילן שאָטן פון די מאַנגאָ־ביימער, הינטער דער שטאָט־מויער, איז סוזאַס געשטאַנען פאַרן בודאַ, אויף זיינע ליפן איז געלעגן די שטילקייט פון ליבשאַפט, און זיינע אויגן האָבן גע־

ליכטן מיט פרידן, אַזוי ווי דער פרימאָרגן־שטערן פון אַ טוי־געוואַ־
שענעם אָסיען.

סוזאַס האָט געקוקט אויף זיין פנים, האָט אַנידערגעלייגט די
לאָטוס פאַר זיינע פיס און אָנגעבויגן זיין קאָפּ צום שטויב.

בודאַ האָט געשמייכלט און געפרעגט: „וואָס פאַרלאַנגסטו,
מיין קינד?"

סוזאַס האָט אויסגעשריען: „דעם מינדסטן אָנריר פון דיינע
פיס!"

כ

מאך מיך פאַר דיין פּאָעט, אָ, נאַכט, פאַרשלייערטע נאַכט!
פאַראַן אַזוינע, וואָס זיינען דורות לאַנג געזעסן אָן לשון
אין דיין שאָטן; לאָמיך זינגען זייערע לידער.

נעם מיך אויף דיין קאָטש, וואָס אָן רעדער, וואָס לויפט אָן
קלאַנג פון וועלט צו וועלט, דו, מלכה אין דעם פּאַלאַץ פון צייט,
דו שוואַרצע שיינקייט!

נישט אין פרעגנדיקער גייסט האָט זיך שטיל אַריינגעגנבעט
אין דיין הויף, האָט אַרומגעוואַנדלט אין דיין הויז, וואָס אָן ליכט,
זוכנדיק ענטפערס.

נישט פון איין האַרץ, געטראָפן דורך דער פריידיקער פייל
פון די הענט פון אומבאַקאַנטן, האָבן זיך אַרויסגעריסן געזאַנגען,
און האָבן אויפגערודערט די פינסטערניש ביז איר פונדאַמענט.

די דאָזיקע וואכנדיקע נשמות האָבן זיך פאַרקוקט אין ליכט
פון די שטערן, איבערראַשט פון דעם אוצר, וואָס זיי האָבן פּלוצ־
לינג געפונען.

מאַך מיך פאַר דיין פּאָעט, אָ, נאַכט, דעם פּאָעט פון דיין
אומדערגרינדלעכער שטילקייט.

כא

אַ טאָג וועט קומען, ווען איך וועל געפונען דאָס לעבן, וואָס אין מיר, די פרייד, וואָס איז באַהאַלטן אין מיין לעבן, כאָטש די טעג פאַרפלאָנטערן מיין וועג מיט זייער נישטיקן שטויב.

איך האָב געדענקט נאָר שטיקלעכווייז, און זיין דורכלויפנ־דיקער אָטעם איז דורך איבער מיר און האָט מיינע געדאַנקען שמע־קנדיק געמאַכט אויף אַ ווייל.

איך וויל אַמאָל געפונען די פרייד, וואָס אויסער מיר וואָס ווינט אונטער דעם שירם פון ליכטיקייט — און איך וועל שטיין אין דער איבערשוימענדיקער איינזאַמקייט, ווו אַלע זאָרג ווערן געזען אַזוי ווי דורך זייער באַשעפער.

כב

דער דאָזיקער אָסיען־פּרימאָרגן איז מיד פון צופיל ליכט, און ווען דיינע לידער ווערן מאַט און מוטלאָז, גיב מיר דיין פלייט אויף אַ ווייל.

איך וויל זיך נאָר מיט איר שפּילן, ווי עס וועט מיר נאָר איינפאַלן. — איך וועל זי אויף מיין שויס אַוועקלייגן, דאָ וועל איך זי אָנרירן מיט מיינע ליפּן, אָדער איך וועל זי האַלטן נעבן מיר אין גראָז.

נאָר אין דער פייערלעכער שטילקייט פון אָוונט וועל איך פליקן בלומען, זי צו באַשיצן מיט אַ קראַנץ, איך וועל זי דערפילן מיט שמעקנדיקע ריחות; און כבוד וועל איך איר אָפּגעבן מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ.

און ביינאַכט וועל איך קומען צו דיר און דיר אָפּגעבן דיין פלייט.

דו וועסט אויסשפּילן אויף איר די מוזיק פון האַלבער נאַכט, ווען די גרעסער־ווערנדיקע לבנה וואַנדערט צווישן די שטערן.

כג

דעם פּאָעטס נשמה שוועבט און טאַנצט אויף די כוואַליעס פון לעבן צווישן די קולות פון ווינט און וואַסער.

איצט, אַז די זון האָט זיך געזעצט, און דער פּאַרטונקלטער הימל פאַלט צו אַזוי ווי די לעפּלעך, וואָס פאַלן אויף די מידע אויגן — איצט איז צייט צוצונעמען זיין פעדער און לאָזן זיינע געדאַנקען זינקען אויפן גרונט פון דער טיפעניש צווישן דעם אייביקן סוד פון דער שטילקייט.

כד

די נאַכט איז טונקל, און דיין שלאָף איז טיף אין דער שטילקייט פון מיין וועזן.

וואַך־אויף, דו צער פון ליבע, ווייל איך ווייס איצט נישט ווי אַזוי צו עפענען די טיר און איך שטיי אין דרויסן.

די שעהן וואַרטן, די שטערן וואַכן, דער ווינט איז רויק, די שטילקייט איז שווער אין מיין האַרץ.

וואַך אויף, ליבע, וואַך אויף! גיס אָן מיין ליידיקן בעכער, און מיט אַ הויך פון געזאַנג מאַך ציטערן די נאַכט.

כה

דער פרימאָרגן־פויגל זינגט.

פון וואַנען קומט צו אים די בשורה פון פרימאָרגן, איידער ער האָט זיך באַוויזן, ווען דער פינסטערער סוד פון דער נאַכט האַלט אַלץ נאָך דעם הימל אין די קאַלטע שוואַרצע רינגען?

זאָג מיר, פרימאָרגן־פויגל, ווי אַזוי האָט דער בשורה־זאָגער פון מזרח געפונען זיין וועג צו דיין חלום דורך דער צווייפאַכיקער נאַכט פון דעם הימל און די בלעטער?

די וועלט האָט דיר נישט געגלויבט, ווען דו האָסט געשריען: „די זון איז אויף איר וועג, די נאַכט איז אַריבער".

אָ, פאַרשלאָפענער, וואַך אויף!

דעק אויף דיין שטערן, וואַרטנדיק אויף דער ערשטער ברכה פון ליכט, און זינג צוזאַמען מיטן פרימאָרגן־פויגל אין פריידיקער אמונה.

כו

דער בעטלער אין מיר האָט אויפגעהויבן זיינע מאָגערע הענט צום הימל, וואָס אָן שטערן, און אין אויער פון דער נאַכט האָט ער אַריינגעשריגן מיט זיין הונגעריקער שטים.

זיינע תּפילות זיינען געווען אָנגעריכט צו דער בלינדער פינסטערניש, וואָס ליגט אַזוי ווי אַ געפאַלענער גאָט אין אַ וויסטן הימל פון פאַרלוירענע האָפענונגען.

דאָס געשריי פון באַגער האָט זיך געבלאָנקעט ארום דעם אָפּגרונט פון יאוש, — אַ קלאָגנדיקער פויגל, וואָס דרייט זיך אַרום אַ ליידיקן נעסט.

אָבער ווען דער פרימאָרגן האָט געוואָרפן זיין אַנקער ביים ראנד פון מזרח, האָט דער בעטלער אין מיר געשפרונגען און געשריגן:

— געבענטשט בין איך, וואָס די טויבע נאכט האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר — וואָס זיין קופער איז געווען ליידיק.

ער האָט געשריען: אָ, לעבן, אָ, ליכט, איר זיינט טייער! טייער אין דער פרייד, וואָס האָט אייך ענדלעך דערקענט".

סאַנאַטאַן האָט זיינע תפילות אָפּגעריכט ביים טייך גאַנגיס, ווען אַן אָפּגעריסענער בראַהמין איז צוגעקומען צו אים און גע־זאָגט: „העלף מיר, איך בין אָרעם”.

„די צדקה־פּושקע דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן — האָט סאַנאַטאַן געזאָגט — איך האָב אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט”.

„אָבער שיווא דער האַר איז געקומען צו מיר אין חלום און האָט מיר אַן עצה געגעבן צו גיין צו דיר” — האָט געזאָגט דער בראַהמין.

סאַנאַטאַן האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט אויפ־געהויבן אַ טייערן דימענט, וואָס נישט צו באַצאָלן צווישן די שטיינ־דלעך ביים ברעג טייך, און טראַכטנדיק, אז עמעצער קאָן אים נוי־טיק האָבן, האָט ער אים באַהאַלטן אין זאַמד.

ער האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט דעם בראַהמין, וואָס האָט, אַ פאַרוווּנדערטער, אויסגעגראָבן דעם שטיין.

דער בראַהמין איז געזעסן אויף דער ערד און האָט נאָכגע־טראַכט איינער אַליין ביז די זון האָט זיך געלאָזט אַרונטער די ביימער, און די פּאַסטוכער האָבן געפירט אַהיים די בהמות.

דעמאָלט האָט ער זיך דערהויבן און איז צוגעגאַנגען פּאַמע־לעך צו סאַנאַטאַן און צו אים געזאָגט: „לערער, גיב מיר דעם קלענסטן טייל פון דיין עשירות, וואָס שעצט־גרינג דאָס גאַנצע עשירות פון דער וועלט”.

און ער האָט דעם טייערן שטיין געוואָרפן אין וואַסער אַריין.

כח

פון צייט צו צייט פלעג איך צוגיין צו דיין טויער מיט אויפגעהויבענע הענט און געבעטן, אַלץ מער און מער געבעטן.

דו האָסט געגעבן און געגעבן, טיילמאָל אין אַ קאַרגער מאָס, טיילמאָל מיט אַ פלוצלינגער ברייטקייט.

טייל זאַכן האָב איך צוגענומען, טייל האָב איך געלאָזט פאַלן; טייל דריקן שווער אויף מיינע הענט; פון אַנדערע האָב איך מיר געמאַכט שפּילצייג און זיי צעבראָכן, ווען איך בין מיד געוואָרן; ביז דאָס ברוכווארג און די אָנזאַמלונג פון דיינע מתנות איז גרויס געוואָרן אָן אַ שיער, דיך באַהאַלטנדיק, און דאָס שטענדיקע אויסקוקן אויף נייעס האָט מיין האַרץ אויסגענאָגט.

נעם, אָ, נעם! דאָס איז איצט געוואָרן מיין אויסגעשריי.

צעשמעטער אַלצדינק, וואָס אין דער פושקע פון דעם בעטלער: לעש אויס די לאָמפּ פון דעם צודרינגלעכן בעטלער: האַלט מיינע הענט, נעם מיך אַרויס פון דער אַלץ-וואַקסנדיקער מענגע פון דיינע מתנות און ברענג מיך צו דער בלויזער אומענדלעכקייט פון דיין אַלייניקן דאָ-זיין.

כט

דו האָסט מיך אַריינגעזעצט צווישן די, וואָס פאַרלירן.

איך ווייס, מיר איז נישט באַשערט צו געווונען, אויך נישט צו פאַרלאָזן דאָס שפּיל.

איך וועל ווידער און ווידער אַריינוואַרפן אין קאָן, כאָטש איך זאָל זינקען דערביי ביז צום אָפּגרונט.

איך וועל שפּילן דאָס שפּיל פון מיין צעשטערונג.

איך וועל איינשטעלן אַלץ, וואָס איך האָב, און ווען איך וועל האָבן פאַרלוירן מיין לעצטן גראָשן, וועל איך זיך אַליין איינ-שטעלן אין קאָן, און דעמאָלט, טראַכט איך, וועל איך האָבן גע-ווונען דורך מיין גרעסטער מפּלה.

ל

אַ שמייכל פון פרייליעכקייט האָט זיך צעשפּרייט איבערן הימל, ווען דו האָסט אָנגעטאָן מיין האַרץ צעריסענע בגדים און האָסט מיך אַוועקגעשיקט אין וועג אַריין בעטלען.

פון טיר צו טיר איז עס געגאַנגען, און פיל מאָל, ווען זיין פּושקע איז שוין כמעט פול געווען, איז עס באַרויבט געוואָרן.

ווען דער מידער טאָג איז דערגאַנגען צום סוף איז עס צוגעקומען צום טויער פון דיין פּאַלאַץ, אויסשטרעקנדיק זיין אָרע־מע פּושקע, און דו ביסט געקומען און גענומען עס פאַר דער האַנט און אַוועקגעזעצט ביי דיין זייט אויף דיין טראָן.

לֿא

„ווער פוּן אייך וועט אויף זיך נעמען דעם חוב צוּ שפּייזן די הונגעריקע?" — האָט האַר בוּדאַ געפרעגט זיינע תּלמידים, ווען דער הונגער האָט געהערשט אין שראַוואַסטי.

ראַטנאַקאַר דער חלפן האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע-זאָגט: „פיל מער ווי מיין גאַנץ פאַרמעגן איז נויטיק צוּ שפּייזן די הונגעריקע".

דזשעסען דער אָנפירער פון קעניגס חילות האָט געזאָגט: „איך וואָלט גערן אָפּגעגעבן דאָס בלוט פון מיין לעבן, נאָר אין מיין הויז אַליין איז נישטאָ גענוג שפּייז".

דהאַרמאַפּאַל, וואָס האָט געהאַט ווייטע שטרעקן ערד, האָט געזאָגט מיט אַ זיפץ: „דער שר פוּן טריקעניש האָט מיינע פעלדער אויסגעצערט. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל באַצאָלן דעם מס פון קעניג".

דעמאָלט האָט זיך דערהויבן סופּריאַ, אַ בעטלערס טאָכטער.

זי האָט זיך פאַרנייגט קעגן אַלע און שטיל געזאָגט: „איך וועל שפּייזן די הונגעריקע."

„ווי אַזוי!" האָבן זיי אויסגעשריען פאַרוואונדערט, „ווי קאָנסטוּ האָפן צוּ דערפילן דעם צוזאָג?"

„איך בין די אָרעמסטע פון אייך אַלע — האָט סופריאַ געענטפערט — „דאָס איז מיין שטאַרקייט, מיין שאַנק און מיין שפּייכלער האָב איך ביי יעטוועדן פון אייך אין הויז".

לב

מיין קעניג איז מיר נישט געווען באַקאַנט, דעריבער ווען ער האָט געפאָדערט זיין מס, האָב איך מיך דערוועגט צו טראַכטן: איך וועל מיך באַהאַלטן און וועל איבערלאָזן מיינע חובות נישט באַצאָלט.

איך בין געלאָפן און געלאָפן אַוועק פון מיין טאָגס אַרבעט און מיין נאַכטס חלומות.

אָבער זיין פאָדערונג איז מיר נאָכגעגאַנגען ביי יעטוועדן שליק לופט, וואָס איך האָב איינגעעטעמט.

אָט אַזוי בין איך געקומען דערצו צו וויסן, אַז איך בין אים באַקאַנט, און קיין אָרט איז נישט געבליבן, וואָס זאָל זיין מיין.

איצט וויל איך אַוועקלייגן אַלצדינק פאַר זיינע פיס, און געווינען דאָס רעכט אויף אַ פּלאַץ פאַר מיר אין זיין קעניגרייך.

לג

ווען איך האָב געטראַכט, איך וועל דיך אויסקנעטן פון ליים, אַן אָפּבילד פון מיין לעבן, די מענטשן זאָלן עס ערן, דעמאָלט האָב איך געבראַכט מיין שטויב און פאַרלאַנגען און אַלע מיינע פאַרביקע פאַרבלענדעניש און חלומות.

ווען איך האָב דיך געבעטן אויסצוקנעטן פון מיין לעבן אַן אָפּבילד פון דיין האַרץ, פאַר דיר צו לעבן, האָסטו געבראַכט דיין פייער און דיין גבורה אין אמת, ערלעכקייט און שלום.

„מיין האַר!“ האָט דער דינער געמעלדן דעם קעניג. „דער הייליקער נאַראָטטאַם האָט נאָך קיין איין מאָל נישט באַוויליקט צו באַטרעטן דיין קעניגלעך געבעט-הויז.

„ער זינגט די ליבע פון גאָט אונטער דיביימער אויפן אָפּענעם וועג. דיין טעמפּל איז ליידיק פון מתפּללים.

„זיי זאַמלען זיך אַרום אים, אַזוי ווי די בינען אַרום דעם ווייסן לאָטוס, און די גאָלדענע קרוג פון האָניק לאָזן זיי אָן אַכט.“

דער קעניג, מיט אַ האַרץ פול קרענקונג, איז געגאַנגען צום אָרט, ווו נאַראָטטאַם איז געזעסן אין גראָז.

ער האָט אים געפרעגט: „פאָטער, פארוואָס טוסטו פאַרלאָזן מיין טעמפּל מיט דעם גאָלדענעם קופּל און זיצסט אין שטויב אויסנווייניק צו פּריידיקן די ליבע פון גאָט?“

„ווייל גאָט איז נישט דאָרט אין דיין טעמפּל“, האָט נאַראָטטאַם געזאָגט.

דער קעניג האָט מיט אַ טריבן געמיט געזאָגט: „צי ווייסטו, אַז צוואַנציק מיליאָן גאָלד האָט געקאָסט אויפצובויען דעם דאָזיקן וואונדער פון קונסט און ער איז געהייליקט געוואָרן פאַר גאָט מיט צערעמאָניעס, וואָס האָבן זייער פיל געקאָסט?“

„יאָ, איך ווייס דאָס“, האָט געענטפערט נאַראָטטאַם. „דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען טויזנטער פון דיין פאָלק, וואָס זייערע הייזער האָבן אָפּגעברענט, זיינען אומזיסט געשטאַנען פאַר דיין טיר, בעטנדיק הילף“.

„און גאָט האָט געזאָגט: „דאָס אָרעמע באַשעפעניש, וואָס קאָן נישט געבן אַ דאַנק זיינע ברידער, ער וויל בויען מיין הויז!“

„און ער האָט פאַרנומען זיין פלאַץ צווישן די, וואָס אָן אַ דאַך, אונטער די ביימערביים שליאַך".

„און יענע גאָלדענע אויפגעבלאָזנקייט איז ליידיק פון אַלצ־דינק אַ חוץ די הייסע פאַרע פון גאוה".

דער קעניג האָט אויסגעשריען מיט צאָרן: „פאַרלאָז מיין לאַנד."

רויק האָט געזאָגט דער הייליקער: „יאָ, פאַרטרייב מיך אַהין, ווו דו האָסט פאַרטריבן מיין גאָט".

לה

דער טרומפּייט ליגט אין שטויב.

דער ווינט איז מיד, דאָס ליכט איז טויט.

אָ, דער בייזער טאָג!

קומט, איר קעמפער מיט די פאָנען און איר זינגער מיט די מלחמה־לידער!

קומט, איר וואַנדערער פון וועג, וואָס איר איילט אויף אייער רייזע.

דער טרומפּייט ליגט אין שטויב, וואַרטנדיק אויף אונז.

איך בין געווען אין וועג צום טעמפּל מיט מיינע אָוונט־קרבנות, און איך האָב געזוכט אַן אָרט אָפּצורוען נאָך דער שטויביקער מי פון טאָג, געהאָפט האָב איך, אַז מיינע וווּנדן וועלן זיין געהיילט און די פלעקן פון מיין קלייד וועלן זיין ווייס געוואַשן, און דעמאָלט האָב איך געפונען דיין טרומפּייט ליגן אין שטויב.

צי איז נישט די שעה געקומען פאַר מיר אָנצוצינדן מיין אָוונט־לאָמפּ?

צי האָט די נאַכט נישט איינגעזונגען די שטערן מיט איר וויג־לידל?

אָ, דו בלוט־רויטע רויז, מיינע שלאָף־בלימלעך זיינען בלייכער און בלייכער געוואָרן.

איך בין זיכער געווען, אַז מיין וואַנדערן איז שוין אַריבער און אַלע מיינע חובות זיינען שוין באַצאָלט, ווען פּלוצלינג האָב איך געטראָפן דיין טרומפּייט ליגנדיק אין שטויב.

טרעף אין מיין פאַרשלאָפן האַרץ מיט דעם כשוף־שפּרונג פון דיין יוגנט!

לאָז מיין לוסט פון לעבן אויפפלאַמען אין פייער.

די פּיילן פון דערוואַכונג לאָז פליען דורך דאָס האַרץ פון דער נאַכט, און אַ געשריי פון שרעק זאָל אויפרודערן די בלינד־קייט און די געלעמטקייט.

איך בין געקומען כּדי אויפצוהויבן דיין טרומפּייט פון שטויב.

קיין שלאָף איז מער נישט פאַר מיר — מיין וועג פירט איצט דורך אַ האָגל פון פיילן.

טייל וועלן אַרויסלויפן פון זייערע הייזער און קומען צו מיר אויף מיין זייט — אַנדערע וועלן וויינען.

טייל וועלן זיך וואַרפן אין זייערע בעטן און שרייען פון בייזע חלומות.

ווייל היינט ביינאַכט וועט דיין טרומפּייט שאַלן.

פון דיר האָב איך געבעטן פרידן נאָר אויף צו געפינען שאַנד.

איצט שטיי איך פאַר דיר — העלף מיר אָנטאָן מיין געווער.

זאָלן די האַרטע קלעפּ פון זאָרג אָנצינדן פייער אין מיין לעבן.

זאָל מיין האַרץ קלאַפּן אין פּיין — די פּויק פון דיין נצחון.

מיינע הענט זאָלן אויסגעליידיקט ווערן, כּדי אויפצוהויבן דיין טרומפּייט.

ווען, שכור פון לוסטיקייט, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ שטויב צו באַפלעקן דיין קלייד, אָ, דו שענסטער, האָט דאָס מיין האַרץ געמאַכט קראַנק.

צו דיר האָב איך געשריגן און געזאָגט: „נעם דיין רוט פון שטראָף און משפט זיי!"

די ליכטיקייט פון פרימאָרגן איז געפאַלן אויף אויגן, רויט פון א נאַכט הוליען; דער פלאַץ פון דער ווייסער ליליע האָט באַגריסט זייער ברענענדיקן אָטעם; די שטערן האָבן דורך דער טיפעניש פון דער הייליקער טונקלקייט געקוקט אויף זייער הולטאַיען — אויף די, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם שטויב צו באַפלעקן דיין קלייד, אָ, דו שענסטער!

דיין משפט-פלאַץ איז געווען אין בלומען-גאָרטן, צווישן די מעלאָדיעס פון די פייגל פרילינג-צייט; ביי די שאָטנדיקע ברעגן פון טייך, ווו די ביימער מורמלען אַן ענטפער אויף דעם גערויש פון די כוואַליעס.

אָ, דו ליבער! זיי זיינען געווען אָן רחמנות אין זייער ליידנשאַפט.

אין דער פינסטערניש זיינען זיי געקראָכן צו פאקן דיין צירונג, כדי צו באַדעקן זייערע אייגענע תאוות.

ווען זייער קלאַפּ האָט געטראָפן און ביסט געווען געפייניקט, האָט עס מיך דורכגענומען ביז צום ביין און איך האָב געשריען צו דיר און געזאָגט: „נעם דיין שווערד, אָ, מיין ליבער, און משפט זיי!"

אָבער דיין גערעכטיקייט איז געווען מיט צופיל חסד.

מוטער־טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן איבער זייער אומ־פאַרשעמטקייט; דער אייביק־טרייער גלויבן פון ליבע־האָבן האָט באַהאַלטן אין זיך זייערע שפּיזן פון אויפשטאַנד אין זיינע אייגענע ווונדן.

דיין משפט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דעם שטומען פּיין פון ליבע, וואָס שלאָפט נישט: אין דעם רויטלען־זיך פון צניעות: אין די נאַכטיקע טרערן פון פאַרלאָזנקייט: אין דעם בלייכן פרי־מאָרגן־ליכט פון פאַרגעבן.

אָ שרעקלעכער! זיי, אין זייער גיריקייט אָן מאָס, זיינען אַריינ־געקראָכן צו דיין טויער ביינאַכט, און געקראָכן אין דיין שייער דיך צו באַרויבן.

אָבער די וואָג פון זייער רויב איז געוואַקסן אָן מאָס, צו שווער צו טראָגן, אָדער זיך צו רירן פון אָרט.

און דעמאָלט האָב איך געשריגן צו דיר און געזאָגט: „זיי מוחל זיי, אָ, שרעקלעכער!‟

דיין פאַרגעבונג האָט אויסגעבראָכן אין שטראָמען, האָט זיי אומגעוואָרפן און האָט צעשפּרייט די גנבות אין שטויב.

דיין פאַרגעבונג איז געווען אין בליץ; אין אַ רעגן פון בלוט; אין דער צאָרניקער רויטקייט פון זון־אונטערגאַנג.

אופּאַגופּטאַ, דער תּלמיד פון בודאַ, איז געלעגן און געשלאָפן אויף דער ערד ביי דער מויער פון דער שטאָט מאַטהוראַ.

אַלע לאָמפּן זיינען אויסגעלאָשן, אַלע טירן פאַרמאַכט, און די שטערן אַלע זיינען פאַרהוילן געווען אין פינסטערן הימל פון חודש אויגוסט.

וועמענס פיס זיינען דאָס געווען, וואָס, קלינגענדיק מיט שפּאַנגען, האָבן פּלוצלינג באַרירט זיין ברוסט?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקן, און דאָס ליכט פון אַ פרויס לאָמפּ איז געפאַלן אויף זיינע אויגן, די פולע מיט סליחה.

עס איז געווען דאָס מיידל די טענצערין, איר שטערן באַצירט מיט טייערע שטיינער, געקליידט אין אַ העל־בלויען מאַנטל, באַרוישט פון וויין פון איר יונגקייט.

זי האָט דערנענטערט איר לאָמפּ. מען האָט דערזען דאָס יונגע פּנים אַזוי שטרענג און שיין.

„זיי מיר מוחל, יונגער אַסקעט, האָט דאָס מיידל געזאָגט, „באַוויליק צו קומען אין מיין הויז, די שטויביקע ערד איז נישט קיין פּאַסיק אָרט פאַר דיר".

דער אַסקעט האָט געענטפערט: „פרוי, גיי ווייטער דיין וועג, ווען די ריכטיקע שעה וועט קומען, וועל איך זיין ביי דיר".

פּלוצלינג האָט די שוואַרצע נאַכט געוויזן אירע ציין אין אַן אויפלויכטיקן בליץ.

דער שטורם האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט פון אַן עק הימל, און די פרוי האָט געציטערט פאַר שרעק.

. . . .

די צווייגן פון דיביימער ביים וועג זיינען באַלאָדן געווען מיט בליעכץ.

לוסטיקע טענער פון אַ פלייט האָבן זיך געצויגן פון דער־ווייטן דורך דער וואַרעמער לופט פון פרילינג.

די בירגער זיינען געגאַנגען אין די וועלדער אויפן יום־טוב פון די בלומען.

פון מיט־הימל האָט געקוקט די פולע לבנה אויף די שאָטנס פון דער שווייגנדיקער שטאָט.

דער יונגער אַסקעט איז געגאַנגען אין דער פאַריינזאַמטער גאַס, און איבער זיין קאָפ האָבן די ליבע־קראַנקע קוועל־פייגל פון די מאַנגאַ־צווייגן געטרילערט זייער שלאָפלויז קלאָג־ליד.

אופּאַגופּטא איז דורך דאָס שטאָט־טויער און איז געשטאַנען צופיסן פון וואַל.

וואָסערע פרוי איז דאָס געלעגן אין שאָטן פון וואַל ביי זיינע פיס, דערשלאָגן פון דער שוואַרצער מגפה, איר גוף געפלעקט מיט געשווירן, אויף גיך פאַרטריבן פון דער שטאָט?

דער אַסקעט האָט זיך אוועקגעזעצט ביי איר זייט, גענומען איר קאָפּ אין זיינע קני און האָט גענעצט אירע ליפן מיט וואַסער און געשמירט איר גוף מיט באַלזאַם.

„ווער ביסטו, דו בארמהערציקער?“ — האָט די פרוי געפרעגט.

„די ריכטיקע שעה איז סוף־כל־סוף געקומען, דיך צו באַזוכן און איך בין דאָ“, האָט געענטפערט דער יונגער אַסקעט.

לח

דאָס איז נישט בלויז אַ שפּיל פון ליבע צווישן אונז, מיין ליבער!

ווידער און ווידער האָבן זיך אויף מיר אַראָפּגעלאָזט די שרייענדיקע נעכט פון שטורם, און אויסגעלאָשן מיין לאָמפּ; פּינס־טערע ספקות האָבן זיך פאַרזאַמלט און האָבן אויסגעבלאָזן אַלע שטערן פון מיין הימל.

ווידער און ווידער זיינען איינגעריסן געוואָרן די ברעגן, און האָבן געלאָזט דאָס וואַסער פאַרפלייצן מיין שניט, און יאָמער און יאוש האָבן צעריסן מיין הימל פון עק צו עק.

אַזוי אַרום האָב איך געלערנט צו וויסן, אַז קלעפּ פון פּיין זיינען אין דיין ליבע, קיינמאָל נישט די קאַלטע אַפּאַטיע פון טויט.